**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/19/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

***גאווערנער האקול מעלדט ארויסגעבן פון אפשאצונג באריכט פאר טראנספארמאטיווע סטעיט ראוט 17 פראיעקט***

***מיילשטיין אין ענווייראמענטאלע איבערקוק פראצעס פאר פראיעקט צו פארבעסערן 30-מייל שטרעקע פון הייוועי אין ארענדש און סוליוואן קאונטיס***

***אלטערנאטיוועו צו פארבעסערן זיכערהייט און באוועגונג פאראויס געריקט פאר ווייטערדיגע שטודירונג***

***ליינט די [אפשאצונג באריכט](#) אויף גאווערנער האקול'ס וועבזייטל***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן די פארענדיגונג פון די אפשאצונג באריכט פאר א פראיעקט צו פארבעסערן זיכערהייט און באוועגונג לענגאויס א 30-מייל שטרעקע פון סטעיט ראוט 17 אין ארענדש און סוליוואן קאונטיס. די צוקונפטיגע פראיעקט - וועלכע איז נאך אין פריער דיזיין און ענווייראמענטאלע איבערבליק שטאפלן - וועט העלפן פארמינערן פעלער פון מאטאר וויקעל קרעשעס, צושטעלן גרעסערער צוטריט צו אלע באנוצער פון די טראנספארטאציע סיסטעם, פארבעסערן שטאנדהאפטיגקייט און אפרוימען די וועג פון די שאסיי צו שאפן פעדעראלע אינטערסטעיט דעזיגנאציע. די אפשאצונג באריכט איז א וויכטיגע טריט אין די ענווייראמענטאלע איבערבליק פראצעדור וועלכע דאקומענטירט די אפשאצונג פון די פארברייטערנדע קאנצעפטן און אידענטיפיצירט די וועלכע דארפן ווייטער שטודירט ווערן. אפאר מעגליכע פארבעסערונגען, ארייגערעכנט מער ליניעס און די אויפבוי פון נייע שאסייען ביי שליסל לאקאציעס צו בעסער אפטיילן דורכפארענדיגע פארקער פון פארלאזענדע און ארייינקומענדיגע וויקעלס, זענען צווישן די אלטערנאטיוון וועלכע ווערן פאראויס געריקט פאר דעטאלירטע שטודיע. סטעיט ראוט 17 איז א שטארק גערייזטע ארטערי וועלכע פארבינדט צוזאמען די מיד-האדסאן, קעטסקילס און דרום טיער ראיאנען.

"אזוי ווי פילע פון אונזערע בריקן און הייוועיס, סטעיט ראוט 17 איז א פראדוקט פון די מיטעלע 20טע יאר הונדערט וועלכע קומט שוין נישט נאך די געברויכן און פארלאנגען פון 21טע יאר הונדערט ניו יארקער," **גאווערנער האקול האט געזאגט.** "די אפשאצונג באריכט טוט אפשפיגלן די אנגייענדע צוזאמארבעט וועלכע עקזיסטירט צווישן די סטעיט און די געמיינדע ווען אונז זוכן צו ווידערפארשטעלן די וויכטיגע שאסיי אין א מאדערנע הייוועי וועלכע וועט פארמינערן אנלייגעניש, פארבעסערן זיכערהייט, ארויסהייבן טוריזעם און פארבעסערן קוואליטעט פון לעבן אין טייל פון די שנעלסטע וואקסענדע ראיאנען פון די סטעיט."

די סטעיט ראוט 17 באוועגונג און צוטריט פארבעסערונג פראיעקט נעמט אריין פארבעסערונגען צו די שטרעקע פון סטעיט ראוט 17 צווישן עקזיט 113 אין ווארטסבארא, סוליוואן קאונטי און אינטערסטעיט 87 אין ארענדש קאונטי. עס איז געפלאנט צו אדרעסירן באנוצונג און זיכערהייט פעלערן, פארבעסערן

אנלייגעניש-פארבינדענע רייזע צייטן און אדרעסירן איינצעלהייטן פון די קארידאר וועלכע טוהן יעצט נישט נאכקומען אינטערסטעיט סטאנדארטן. מולט-מאדאל פארבעסערונגען וועלן אפגעשאצט ווערן און גענומען אין באטראכט.

אלץ טייל פון די אפשאצונג פראצעדור, די ניו יארק סטעיט דיפארטמענט פון טראנספארטאציע, אין מיטארבעט מיט די פעדעראלע הייוועי אדמיניסטראציע, האט צאמגענומען מיינונגען פון די פובליק, סטעיקהאלדערס און אריינגעמישטע אגענטורן אויף די פראיעקט געברויכן, פראיעקט קאנצעפטן און ראמן פון פראבלעמען וועלכע דארפן אדרעסירט ווערן פאר דעם פראיעקט. אלף א רעזולט, NYSDOT טוט פאראויס ריקן צוויי "בוי" אלטערנאטיוון אין צוגאב צו א "נישט-בוי" אלטערנאטיוו פאר ווייטערדיגע שטודיע אין אן ענוויראמענטאלע ווירקונג דעלערונג (Environmental Impact Statement, EIS). NYSDOT ערווארט צו ארויסגעבן א דרעפט EIS פאר די פראיעקט אין 2025.

איין אלטערנאטיוו וועלכע ווערט ווייטער געשטיפט וואלט אנגעהאלטן סטעיט ראוט 17'ס עקזיסטירענדע צוויי-ליניע הויפטזיכטליכע אויסשטעל דורכאויס מערסטנטייל פון די קארידאר ווען צולייגן אינטערטשעינדש אוקזילערי ליניעס צווישען עקזיט 130 און עקזיט A130 און נייע קאלעקטאר-דיסטריביוטער (C-D) סערוויס גאסן פון עקזיט 120 צו עקזיט 122 און פון עקזיט A122 צו עקזיט 124. א C-D גאס צוטיילט פריוועי דורכפארענדע פארקער פון אנדערע וויקעלס וועלכע פארלאזן אדער קומען אריין אין די פריוועי און העלפט האלטן ליניע-טוישענדע וויקעלס אוועק פון הויעך-שנעלקייט פארקער אויף די מעינליין פריוועי.

א צווייטע אלטערנאטיוו וועלכע ווערט ווייטער געשטיפט פאר ווייטערדיגע שטודיע רופט פאר די אויפבוי פון א דירעקטע רייזע ליניע פון עקזיט 120 (סטעיט ראוט 211) צו עקזיט [A130 (U.S. ראוט 6)](#) אין צוגאב צו נייע אוקזילערי ליניעס און C-D גאסן. ביידע בוי אלטערנאטיוון וואלטן אויך געמאכט געצילטע זיכערהייט פארבעסערונגען לענגאויס די גאנצע קארידאר, אריינגערעכנט שיפקייט און דרייען מאדיפיקאציעס, שאולדער פארבעסערונגען און פארבעסערונגען צו פוסגייער און מאס טראנזיט אקאמאדאציעס.
אפאר אינטערטשעינדשעס - אריינגערעכנט עקזיט 120 (סטעיט ראוט 211) - וואלט אויך געווארן איבערגעבויט אינטער ביידע בוי אלטערנאטיוון. די דיספאזישען פון אנדערע, אריינגערעכנט עקזיט 114 (מאמאקאטינג ראוד) וועט זיין די סוביעקט פון ווייטערדיגע שטודיע דורכאויס די EIS פראצעס.

לאנדמארקאינוועסטירונגען אין די מיטל-האדסאן וואלי האבן שוין רעזולטירט אין די פארברייטערונג פון וואדבורי קאמאנס פרימיום אוטלעטס (Woodbury Common Premium Outlets) און די אויפבוי פון לעגאלאנד(LEGOLAND) און רעזארטס ווערלט קעטסקיל קאסינא ( Resorts World Catskills Casino). איבער די פארגאנגענע פאר יאר, פראיעקטן זענען פארענדיגט געווארן דורך די דיפארטמענט פון טראנספארטאציע צו פארבעסערן זיכערהייט אויף טיילן פון ראוט 17, אריינגערעכנט ווידערראויפבוי פון די אינטערטשעינדש ביי עקזיט 131, וואו ראוט 17 טרעפט זיך צוזאמען מיט אינטערסטעיט 87 און ראוט 32 (וואדבורי קאמאנס פרימיום אוטלעטס) און ווידערראויפבוי פון עקזיט 122 שטאפל I און עקזיט 125 (לעגאלאנד) נאכצוקומען אינטערסטעיט סטאנדארטן.

**ניו יארק סטעיט דיפארטמענט פון טראנספארטאציע קאמיסיאנער מארי טעריזע דאמינגיועז האט געזאגט,** "סטעיט ראוט 17 איז א וויכטיגע פארבינדער צווישען ניו יארק'ס דאונסטעיט ראיאנען און טייל פון די מערסט פאפולער און שנעלסטע-וואקסענדע ראיאנען אפסטעיט, אריינגערעכנט די קעטסקילס און דרום טיער. די אפשאצונג באריכט איז א וויכטיגע מיילשטיין אין די ענוויראמענטאלע איבערבליק פראצעס, אבער אונזער ארבעט איז אנגייענד און אונז וועלן ווייטער באשעפטיגען מיט די געמיינדע צו פארזיכערן אז די ענדגולטיגע רעזולט איז א פראיעקט וועלכע שפיגעלט אפ די געמיינדעס געדאנקען און אדרעסירט די זיכערהייט באדערפענישן פון די סיסטעם."

**קאנגרעסמאן פעט רייען האט געזאגט,** "די זיכערהייט פון האדסאן וועלי פאמיליעס איז אייביג די העכסטע פריאריטעט - ספּיציעל ווען עס קומט צו גאס דיזיין. דעס איז א ריזן טריט פאראויס צו טראנספארמירן ראוט 17 אין א מער זיכערע שאסיי מיט א מער עפיציענט דיזיין און א שטאנדהאפטיגע אינפראסטרוקטאר. איך קוק ארויס צו ארבעטן מיט באאמטע איבער יעדער שטאפל פון רעגירונג און ליפערן די פעדעראלע רעסארסן געדארפט אנצוהייבן דעם וויכטיגע פראיעקט און עס זעהן ביזן פארענדיגן."

**איבער די טראנספארטאציע דעפארטמענט**

עס איז די מיסיע פון די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט צו צושטעלן א זיכערע, פארלעסליכע, גערעכטע און שטאנדהאפטיגע טראנספארטאציע סיסטעם וואס פארבינדט קאמיוניטיס, באררייכערט די קוואליטעט פון לעבן, היט אויף די סביבה און שטיצט די עקאנאמישע וואוילזיין פון ניו יארק סטעיט. די רעדע איז איבער לעבנס, פארט שטייטער און ריקט זיך אפ ביי די זייט פאר הייוועי ארבעטער!

פאר מער אינפארמאציע, טרעפט אונז אויף Facebook, פאַלאָוט אונז אויף X אדער Instagram, אדער באזוכט אונזער וועבזייטל. פאר די לעצטע רייזע אינפארמאציע, רופט 511, באזוכט www.511NY.org אדער דאַונלאָודט די אומזיסטע NY511 טעלעפאן עפּ.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן